בעזרת השם יתברך




א בליק צוריק – צום זיסן עבר • מיט אַ בליק פאָראויס – אויפ'ן לעכטיגן עתיד


"הוֹי כָּל צָמֵא
לְכוּ לַמַּיִם...
הַטּוּ אָזְנְכֶם וּלְכוּ אֵלַי,
שִׁמְעוּ וּתְחִי נַפְשְׁכֶם"

# א קוואַל פון לעבן

יעדער פון אונז געדענקט יענעם ערשטן שיעור וואָס מיר האָבן 'צופעליג' געהערט ערגעץ וואו, ווען מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז "די שיעורים זענען גאָר עפּעס אַנדערש... ס'ליגט דאָ עפּעס אַן אָקסעדזשין וואָס מיין נשמה קען שוין לאַנג נוצן"...

מיט צען יאָר צוריק האָט זיך עס אָנגעהויבן. בקול דממה דקה, באַשיידן און איינגעהאַלטן. **אָבער צוביסלעך האָט די שטילע רעוואָלוציע פּאַסירט!**

לא ברעש ה'. אָן קיין מאַרקעטינג, אָן קיין פּראָפּאַגאַנדע, בלויז פון מויל צו אויער, חברא חברא אית ליה, ביז זאַכן זענען פּשוט 'אַרויס פון קאָנטראָל'... דאָס לעבן פון טויזנטער אידן האָט זיך געטוישט אויף אייביג.

אין קאַר, אין אָפּיס, אין די גליונות אין בתי מדרשים, זענען אידישע הערצער צוגעבינדן צו די שיעורים. אמונה ובטחון איז ביי זיי מער נישט קיין טעאָריע, קרבת אלקים איז מער נישט קיין שווערע עבודה – **ס'איז אַ לעבעדיגע, זיסע מציאות החיים!**

טויזנטער אידן קוקן יעדן טאָג אַרויס, נישט בלויז אויף "נאָך א שיעור". זיי ווארטן אויף די "הבינני" מינוטן **וואס געבן זיי די גאַזאָלין פאר אַ לעבן פון ישוב הדעת און קרבת ה'**, מיט אַזאַ פּשטות און טיפקייט אינאיינעם.

**"איך האב שוין געהערט מאַסן שיעורים אין מיין לעבן, אבער ביי 'הבינני' האב איך דאס ערשטע מאל געשפירט אז מען רעדט צו 'מיר'. מיין דאַווענען, מיין שיעור תורה, מיין ביזנעס, מיין שבת קודש, מיין לעבן, האָט זיך קאמפלעטלי געטוישט זינט איך בין געווארן א מקשיב."**

דער נוסח וואָס מ'הערט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל פון אידן פון אַלע שיכטן און יאָרגענג, וואָס האָבן זיך בכלל נישט אָפּגעשמועסט צו זאָגן דעם זעלבן סטעיטמענט וואָרט ביי וואָרט...

## די ליכטיגקייט דאַרף אַ מנורה, צו קענען שיינען אָן קיין אָפּהאַלט.

# פאַרוואָס אַן אייגן בנין?

מיין חבר זיצט אין אָפיס און הערט דעם טעגליכן שיעור אויף 'קול הלשון' אָדער אויף 'תורה עניטיים'.

איך דרוק "פלעי" אויף 'הבינני' אַפליקאַציע אדער אויפ'ן טעלעפאָן ליניע, און פלוצלינג פילט זיך די לופט אן מיט אמונה.

מיין שוואָגער פרינט אַרויס די וועכנטליכע גליונות וואָס שאַפט אַן עונג שבת פאר דער גאַנצער משפחה.

## נו, בסך הכל דאַרף מען האָבן אַ גוטן מיקראָפאָן צו זאָגן דעם שיעור, וואס פעלט אויס א בילדינג?

## די טרוקענע "הבינני" פאַקטן און ציפערן

ס'האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן זייער קליין. **אָבער ווען פון 'יחידים' איז געוואָרן 'רבבות', איז דאָ אויסגעוואַקסן אַ גלאָבאַלער אַפּאַראַט** וואָס אַפּערירט ווי אַ פולקאָמע פאַבריק.

•

יעדן איינציגן טאג ווערט פארגעלערנט **כאָטש 4-5 שיעורים!** בבלי, ירושלמי, הלכה, פרקי דעת והשקפה, און מער. (שער הבטחון אויף ענגליש, ליל שישי, זייטיגע דרשות פאר מקומות התורה אָדער אָרגאַניזאַציעס). גלייך נאָכדעם וואָס דער שיעור ווערט פאַרענדיגט, הייבט זיך אן אַ העפטיגן לויף קעגן דעם זייגער.

•

אַ ספּעציעלע שטאַב באַפאַסט זיך צו **רעקאָרדירן, שניידן, אויסקלאָרן,** און אפלאָדן אַלע שיעורים אויף די פילצאָליגע פּלאַטפאָרמעס אין דער זעלבער מינוט, כדי אַז ס'זאָל ווערן פאַרשפרייט פונקטליך און צייטליך יעדן טאָג.

•

'הבינני' איז שוין לאנג נישט קיין "איין מאַן בענד"... אין יעדן שיעור אָדער גליון ליגט די האָרעוואַניע פון אַ **צען שטאַב-מיטגלידער** פול-טיים און פּאַרט-טיים.

•

יעדע וואך אָן קיין אויסנאַם, ערשיינען **פינף** באַזונדערע קונטרסים (אַלע שיעורים בלשה"ק, הבינני ואלמדה, הבינני - אמונה, הבינני אידיש, הבינני ענגליש), וואָס אַנטהאַלטן **הונדערטער! זייטן** פון פרישע אָריגינעלע ליטעראַטור, אָפּגעשריבן און באַאַרבעט דורך טייפּסעטערס, עורכים, מגיהים, איבערזעצער, גראַפיקער און פרינטינג.

•

ועל כולם, איז דער מגי"ש שליט"א געצווינגען צו וואַנדערן **פון איין ביהמ"ד צום אַנדערן.** די שיעורים ווערן געזאָגט יעדע שטיק צייט אויף אַן אַנדערן פלאַץ, **אָן קיין משהו ישוב הדעת.** שוין אָפּגערעדט אַז מ'האָט נישט קיין אייגן ווינקל, וואו מ'זאָל זיך קענען אויסברייטערן מיט נאָך שיעורים.

# ס'איז אוממעגליך צו פירן א וועלט אימפעריע דורך אַ לעפּטאָפּ...



'הבינני' אַרבעט **בלית ברירה 'רימאוטלי'**. די ארבעטער זענען צעווארפן יעדער אין אַ צווייטן ווינקל, וואָס קאָסט בלויז געלט און עגמת נפש. מען מוז שוין האבן **א רואיגע צענטראַלע הויפּטקוואַרטיר**, וואו אַלעס ווערט קאנטראלירט אונטער איין דאך.

יעדן טאָג הערט מען פרישע פּאַרלאַנגען פון ישיבות וכוללים, מפעלי עזרה, אלמנות ויתומים, אָרגאַניזאַציעס פאר צער גידול בנים, חולי ישראל וכדומה, וואָס בעטן זיך פאר שיעורים מיוחדים צו מחזק זיין לבבות נשברות. מ'האָט שוין אַסאַך גערעדט וועגן מאַכן אַ סעריע פון שיעורים געאייגנט פאַר אידישע מאַמעס, און באַזונדער אַ סעריע שיעורים פאר בחורים. ס'איז אָבער נישטאָ דאָס פּלאַץ און די לאָגיסטישע מעגליכקייט וואו דאָס זאָל קענען פאָרקומען.

**דער מגי"ש איז אַן "אורח" אין געדינגענע בתי מדרשים**, וועלכע זענען נישט אייביג צוגעפּאַסט און עוועליבל. ס'איז קריטיש וויכטיג די נויטיגע ישוב הדעת צו קענען **זאָגן שיעורים אין אַן אייגן רואיג ווינקל**, אַלעמאָל, אָן קיין אָפּהאַלט.

## די תורה זוכט אַן אכסניה!




# דער חלום ווערט א מציאות

מיט סייעתא דשמיא, פראגרעסירט דער גרויסער פראיעקט אויפצושטעלן א פולקאמער 'בית הבינוני' הויפטקווארטיר אין ירושלים עיה"ק.

א "תל תלפיות" פון וואו ס'וועט ארויסגיין אמונה און דעת ביז משיח'ס טאג.

**אַ "בית הבינוני" וואָס גייט פארזיכערן אז אונזער טעגליכע לעבן זאל קיינמאל אויפהערן.**



# היכל השיעורים

## אַ סאפיסטיקירטע ״תורה-סטודיאָ״ אויסגעשטאַט מיט די העכסטע סטאַנדאַרטן.

אלעס אריינגעבויט אויפ'ן אָרט, מיט'ן גרעסטן ישוב הדעת.

ספעציעלע לייטינג פאר ווידיאו-שיעורים.

אינסטאָלירטע שאַרפע סאַונד און רעקאָרדינג.

## היינט

- געדינגענע בתי מדרשים וואָס זענען אָפט נישט עווײלעבל
- נישטא קיין מעגליכקייט צוצולייגן נאָך סעריעס שיעורים פאר מוסדות און ארגאניזאציעס, וואָס בעטן זיך פאר שיעורים מיוחדים לחזק לבבות נשברות .
- רעקאָרדירן און אַרויסשיקן די שיעורים פּאָדערט אַסאַך שעות.
- מ'וויל מסדר זיין סעריעס פון שיעורים פאַר אידישע מאַמעס, און פאר בחורים תלמידי הישיבות אָבער ס'איז נישטאָ וואו.
- רעקארדירונגען זענען אפט נישט קלאר.
- יעדע פאַרשפעטיגטע רעקאָרדירונג, איז אַ ביטול תורה לרבים, ווייל אַסאַך מענטשן קענען בלויז הערן די שיעורים פרי פאר דער אַרבעט.

## מאָרגן

- אַ קביעות'דיגע אייגענע פלאַץ מיט ישוב הדעת
- אַ גרייטע מיקראָפאָן פאָרצולערנען אַלעמאָל יעדע סאָרט שיעור
- אַלעס פראָפעסיאָנאַל רעקאָרדירט מיט אַ קוועטש פונעם קנעפל און אויטאָמאַטיש אַרויפגעלייגט אויף אַלע פלאַטפאָרמעס.




# מכון הפצת השיעורים

## צענטראַלע הויפּקוואַרטיר פאר אַלע עוסקים במלאכת הקודש, פאַראייניגט אונטער איין דאך.

## הײַנט

- די אַרבעטער זענען צעשפּרייט
- די אַרבעט איז צעוואָרפן
- צייט און געלט ווערט פאַרלוירן
- הרוצה לאבד מעותיו ישכור פועלים ואל ישב עמהם.

## מאָרגן

- אַלעס אינעם זעלבן בנין
- דעסקס פאר שרייבער, גראַפיקער, אודיא און ווידיא עדיטערס
- אַ פאַרזיכערונג אַז די שיעורים זאלן דערגרייכן אַסאַך ווייטער, אַסאַך שנעלער.



# אולם המעמדים

## היכל המפואר פאר ליל ששי פאַרברענגען, יומא דפגרא און שבתות הבינני.

## היינט

- יעדע פאַרברענגונג איז אַ פּראָיעקט פאר זיך צו טרעפן אַ פּאַסיגע פּלאַץ
- שבת הבינני קאָסט אָפּ סכומים עצומים
- פילע מעמדים קענען פשוט נישט פארקומען ווייל ס'איז נישטא דא וואו.

## מאָרגן

- אַ קביעות'דיגע רחבות'דיגע מקום נהדר, זיך צו דערהייבן יעדן ליל שישי, שבתות הבינני, און ביי אַלע יומא דפגרא, חנוכה, פורים, ל"ג בעומר, חוה"מ, ט"ו בשבט, א.א.וו.



# אש״ל לשבתות

**אש״ל מלא פאר חבורות מיט דערהויבענע שבתים אויף א קלענערן פארנעם.**

## היינט

- אידן בעטן אומאויפהערליך צו אראנדזשירן קלענערע פערזענליכע שבתים מיט'ן מגי״ש שליט״א, דערוויל אן אוממעגליכע ערשיינונג.

## מאָרגן

- באזונדערע אפטיילונג מיט באקוועמע צימערן פאר חבורות און קבוצות וואס קומען פראוון א שבת צו זעטיגן די נשמה.



# חדר מיוחד למג״יש

## א רואיגער ווינקל אנצוגרייטן שיעורים און איבערשמועסן בעצה ותושיה.

### היינט

• עס וואקסט די פארלאנג פון צובראכענע הערצער, עלטערן וואס זוכן א וועג אין חינוך, און מבקשי ה׳ וואס לעכצן נאך א פערזענליכע הדרכה.

### מאָרגן

• א חדר פרטי, מיט א צוגערישטע ווארט-זאל, וואו דער מגי״ש שליט״א וועט קענען צוגרייטן שיעורים בישוב הדעת, ענטפערן טעלעפאנען, און אויפנעמען אידן בתשואת חן.




## ומלאה הארץ דעה את ה'!

מיט א הארץ פול מיט דאנקבארקייט צו השי"ת קוקן מיר צוריק אויף די לעצטע צען יאר, וויאזוי איין קליין פינטעלע פון אמונה איז אויסגעוואקסן צו א גלאָבאלע אכסניה של תורה וואס באלייכט די וועלט. עס איז א מחזה הוד צו זען וויאזוי טויזנטער אידן זענען זיך מחיה יעדן טאג מיט א זעלטענעם ישוב הדעת און קרבת אלקים דורך די שיעורים און גליונות.

מיר שטייען יעצט ביי א נייע תקופה בעז"ה. דער אויפבוי פונעם נייעם צענטער 'בית הבינוני' איז אייגנטליך א ריכטיגער "לחיותינו" – א פארזיכערונג אז דער קוואַל פון אמונה און דעת זאל ווייטער שיקן אירע זיסע שטראלן מיט א רחבות און קלארקייט אן קיין שום אָפּהאַלט ביז משיח'ס טאג. בב"א. - לבנות ולרומם בית אלקינו!

הבינוני

לחיותינו

• כולנו להגדיל תורה ולהאדירה •